בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון ל"ח

פרשת וישב - שבת חנוכה
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג - קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א

• וָואס טוּט מֶען מִיט אַ אִינְגְל וָואס גַנְבְ'עֶט?

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נֹחַ, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

### אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין קִינְדֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אוּן עֶס אִיז זַיין וֶועלְט, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן מַאכְט אַלֶעס, אוּן אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן סֵיי וָואס זָאל מֶען דָאס בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה, מֶען זָאל וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז נָאר פַאר אוּנְזֶער טוֹבָה.

### וֶוער אִיז בַּיי אוּנְז אַן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט קִינְד?

בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי קִינְדֶער בַּאקוּמֶען דָא אַ גוּטֶע חִינּוּךְ, מִיר הָאבְּן יֶעצְט סֵיי חֲתַנִים אוּן סֵיי כַּלוֹת וָואס וִוילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אִין יְשִׁיבָה, זֵיי וִוילְן אַ פָּשׁוּט לֶעבְּן, נָאר דִי עֶלְטֶערְן וִוילְן דָאס נִישְׁט, פַאר דִי פִינְף שָׁעָה פוּן דִי חֲתוּנָה נַאכְט פַּאסְט נִישְׁט מֶען זָאל זָאגְן אַז אִיךְ בִּין בְּרֶסְלֶב אָדֶער מַיין זוּן אִיז בְּרֶסְלֶב... אֵיי, דוּ קֶענְסְט דָאךְ נֶעמֶען דִי גֶעלְט אוּן גֶעבְּן פַאר דִי פָּאר-פָאלְק פַאר אַ דַאוּנְפֶּעימֶענְט (עֶרְשְׁטֶע גֶעלְט פַאר אַן אֵייגֶענֶע הוֹיז), הַיינְט צוּ טָאגְס קָאסְט דִי נַאכְט פוּן אַ חֲתוּנָה צְוִוישְׁן צְוָואנְצִיג אוּן דְרַייסִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער, נֶעם דִי גֶעלְט אוּן גֶעבּ זֵיי אַ הוֹיז! גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט עֶס אַז עֶלְטֶערְן רֶעדְן זִיךְ אָפּ: **"מִיר וִוילְן חֲתוּנָה מַאכְן פָּשׁוּט, אָבֶּער דִי קִינְדֶער פַארְפִירְן זֵיי דַארְפְן טֵייעֶר"**, דָא אִיז עֶס פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מִיר הָאבְּן יֶעצְט פִיר חֲתַנִים אִין יְשִׁיבָה אוּן עֶטְלִיכֶע כַּלוֹת אִין סְקוּל, גֶעוִוסֶע עֶלְטֶערְן וִוילְן דַוְקָא מַאכְן טֵייעֶר אוּן דִי קִינְדֶער זֶענֶען אוֹיפְגֶעוַואקְסְן אַז **"פַארְוָואס זָאל מֶען אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נִישְׁטִיגֶע זַאכְן?"**

בַּיי אוּנְז וֶוערְט מֶען נִישְׁט 'אַן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט קִינְד' אוֹיבּ מֶען קוּמְט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ נֵייעֶ הֶעמְד, אַן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט קִינְד אִיז דֶער וָואס רֶעדְט שֵׁיין צוּ אַנְדֶערֶע, וֶוער עֶס הָאט אַ הַארְץ פַאר אַנְדֶערֶע. אוּן דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן דִי מְלַמְּדִים, אַרַיין צוּ לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וָואס הֵייסְט אַ גוּט קִינְד, אוּן חוֹזֶק מַאכְן פוּן דִי הַיינְטִיגֶע עֲבוֹדָה זָרָה. פְּרֶעגְט דִי קִינְדֶער: **"וֶוער אִיז אַ גוּט קִינְד? ווער עֶס קוּמְט אָנְגֶעטוּן מִיט אַ נֵייעֶ הֶעמְד? - נֵיין!"** אַ גוּט קִינְד אִיז אֵיינֶער וָואס שְׁמֵייכְלְט צוּ אַ צְוֵוייטְן! אַ גוּט קִינְד אִיז אֵיינֶער וָואס פַארְגִינְט אַ צְוֵוייטְן! אַ גוּט קִינְד אִיז אֵיינֶער וָואס גֶעבְּט אַוֶועק פוּן זַיין רִיסֶעס פַאר אַ צְוֵוייטְן! אַ גוּט קִינְד אִיז אֵיינֶער וָואס זֶעט אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין בְּלֵיי, זָאגְט עֶר אִים **'אִיךְ וֶועל דִיךְ גֶעבְּן אַ בְּלֵיי'!** אַ גוּט קִינְד אִיז אֵיינֶער וָואס זֶעט אֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין פְּלַאץ, זָאגְט עֶר אִים **'אִיךְ וֶועל דִיר מַאכְן פְּלַאץ, קוּם אוֹיף מַיין טִישׁ, קוּם אוֹיף מַיין בֶּענְקְל'!** דָאס אִיז אַ גוּט קִינְד!

### קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער - אָבֶּער מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין

פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען וִויסְן אַז 'קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער', אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען וִויסְן אַז 'אִיךְ דַארְף זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין', אוֹיבּ מֶען אִיז מְחַנֵּךְ אוֹיף דֶעם וֶועג קֶען מֶען מוֹרָא'דִיג מַצְלִיחַ זַיין.

אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט מְחַנֵּךְ, מֶען זָאגְט: **"נֶע, עֶס אִיז דָאךְ קְלֵיינֶע קִינְדֶער, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, לָאז אָפּ"**, וַואקְסְן דִי קִינְדֶער אוֹיף עַזּוּת פֶּנִימְ'עֶר רַחֲמָנָא לִצְלָן. יֶעצְט אִיז דִי צַייט וָואס מֶען דַארְף זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין, אַז מֶען הֶערְט אַ קְלֵיין קִינְד זָאגְט אַ מִיאוּסְ'עֶ וָוארְט, - וָואס מֵיינְט אַ מִיאוּסְ'עֶ וָוארְט? יֶעדֶע נִישְׁט שֵׁיינֶע וָוארְט וָואס קִינְדֶער זָאגְן, - אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ אַז עֶר אִיז נָאךְ אַ קְלֵיין קִינְד אוּן עֶס אִיז גָארְנִישְׁט, מֶען מוּז אִים אוֹיסְלֶערְנֶען: **"דָאס קֶען מֶען נִישְׁט זָאגְן!"**

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז אַ גֶעפֶערְלִיךְ קִינְד אוּן מֶען דַארְף אִים שׁוֹין אַרוֹיס וַוארְפְן פוּן חֵדֶר... - עֶר אִיז פָּארְט נָאךְ אַ קִינְד! עֶר אִיז פָּארְט נָאךְ אַ קִינְד! עֶר אִיז אַ קִינְד אוּן מֶען לֶערְנְט אִים אוֹיס דָאס נִישְׁט צוּ טוּן.

### וָואס טוּט מֶען מִיט אַ אִינְגְל וָואס גַנְבְ'עֶט?

אַ שְׁפִּילְצֵייג גֶעשֶׁעפְט פוּן וִוילְיַאמְסְבּוּרְג רוּפְט מִיר אֵיין טָאג אָן, דֶער בַּעַל הַבַּיִת דֶערְצֵיילְט מִיר אַז אֵיינֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין גֶעשֶׁעפְט אַיינְקוֹיפְן סְחוֹרָה מִיט אַ קְרֶעדִיט קַארְד פַאר אַפָּאר טוֹיזְנְט דָאלֶער, עֶר הָאט אַיינְגֶעקוֹיפְט בִּיכֶער, שְׁפִּילְצֵייג אוּן אַ הַאוֶוערְבָּאוּרְד וְכוּ' וְכוּ', יֶעצְט וֶוערְט מֶען גֶעוואוֹיר אַז דִי קְרֶעדִיט קַארְד אִיז גֶעוֶוען גֶע'גַנְבְ'עֶט, מֶען אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען קוּקְן דִי אוֹיגֶעלֶעךְ וָואס זֶעט אוּן כַאפְּט אַלֶעס אָפּ, אוּן מֶען אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער אִינְגְל לֶערְנְט אִין בְּרֶסְלֶב.

אִיךְ הָאבּ אִיבֶּער גֶעגֶעבְּן דִי זַאךְ פַארְ'ן מְנַהֵל, אוּן אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר וָואס וֶועט דֶער מְנַהֵל דָא טוּן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אִים אוֹיפְפַּאטְשְׁן, אָדֶער אַהֵיים שִׁיקְן, אָדֶער אַרוּם טְרָאגְן אִין אַלֶע כִּיתּוֹת מִיט אַ צֶעטְל אוֹיפְ'ן הֶעמְד אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן: **"מֶען הָאט גֶעכַאפְּט אַ גַנָב!"**... אָבֶּער בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער מְנַהֵל וֵוייסְט אַז דֶער קִינְד אִיז נִישְׁט קַיין

גַּנָב! מֶען קֶען נִישְׁט הַרְגְ'עֶנֶען אַ קִינְד, מֶען דַארְף אִים מְחַנֵךְ זַיין.

דֶער מְנַהֵל רוּפְט אַרַיין דֶעם קִינְד אִין אָפִיס, עֶר פְרֶעגְט אִים: **"וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּן מִיט דֶעם קְרֶעדִיט קַארְד וָואס דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן?"** עֶנְטְפֶערְט דֶער אִינְגְל: **"אִיךְ וֵוייס נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן אַ קְרֶעדִיט קַארְד, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אִיךְ וִויל נָאר קוֹיפְן אֵיין זַאךְ, אִיךְ הָאבּ גֶעקוֹיפְט, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶס אַרְבֶּעט, מֶען קֶען אַיינְקוֹיפְן מִיט דֶעם, קֵיינֶער טוּט מִיר גָארְנִישְׁט, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אֶפְשָׁר מֶעג מֶען עֶס נִיצְן, אֶפְשָׁר אִיז עֶס אַ גוֹי'ס"**, זָאגְט דֶער מְנַהֵל: **"בְּרֶענְג אַלֶעס צוּרִיק"**, עֶר בְּרֶענְגְט אַלֶעס צוּרִיק צוּזַאמֶען מִיט אַ פָּאר שַׁיָךְ, פְרֶעגְט אִים דֶער מְנַהֵל: **"פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעקוֹיפְט שִׁיךְ, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין שִׁיךְ?"** זָאגְט עֶר: **"נֵיין, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין שִׁיךְ, מַיין מַאמֶע קוֹיפְט מִיר נִישְׁט קַיין שַׁיָךְ, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר שִׁיךְ"**, זָאגְט אִים דֶער מְנַהֵל: **"מֶען וֶועט דִיךְ צַאמְשְׁטֶעלְן גֶעלְט דוּ זָאלְסְט קֶענֶען קוֹיפְן שֵׁיינֶע נֵייעֶ שִׁיךְ, אָבֶּער מֶען טָאר נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען! דוּ זָאגְסְט צוּ אַז דוּ גֵייסְט מֶער נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען?!"** עֶנְטְפֶערְט דֶער אִינְגְל: **"יָא, אִיךְ זָאג צוּ אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין מֶער נִישְׁט גַנְבְ'עֶנֶען!"** אוּן דֶער מְנַהֵל שִׁיקְט צוּרִיק דֶעם אִינְגְל אִין כִּתָּה...

דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט זִיךְ אוּם מִיט קִינְדֶער, מֶען הֵייסְט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט מִיטְ'ן קְרֶעדִיט קַארְד, מֶען גֶעבְּט עֶס צוּרִיק פַארְ'ן בַּעַל בַּעַל הַבַּיִת אוּן עֶר זָאגְט צוּ אַז עֶר גֵייט עֶס מֶער נִישְׁט טוּן. וָואס דֶען זָאל מֶען טוּן מִיט דֶעם קִינְד? מֶען זָאל אִים הַרְגְ'עֶנֶען?! - עֶר אִיז דָאךְ אַ קִינְד!

[אַגַב, דָא רֶעדְט מֶען פוּן קִינְדֶער וָואס מֶען אִיז זֵיי מְחַנֵךְ אוּן זֵיי פָּאלְגְן, אָבֶּער בַּיי בָּחוּרִים וָואס זֶענֶען שׁוֹין עֶלְטֶער, גֵייט מֶען זִיךְ אוּם אַנְדֶערְשׁ. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ בָּחוּר אִינְמִיטְן זוּמֶער, מֶען רוּפְט מִיר אָן דֶערְצֵיילְן אַז אַ בָּחוּר קוֹיפְט אַיין מִיט אֵיינֶעמְ'ס קְרֶעדִיט קַארְד, אִיךְ רֶעד צוּ אִים אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל, דְרֵיי מָאל, פִיר מָאל אוּן אִיךְ זֶע וִוי יֶעדֶע זַאךְ אִיז בַּיי אִים אַ דְזְשָׁאוֹק, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: **"קוּק אַהֶער, דָא קֶענְסְטוּ נִישְׁט בְּלַייבְן, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין אִין יְשִׁיבָה"**, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַרַיין גֵיין אִין דֶעם, דָאס אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע לִימוּד].

## רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה

מְלַמְדִים דַארְפְן רֶעדְן צוּ קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט אַ צְוֵוייטְנְס קֶערְפֶּער, אוּן קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט אַרָאפּ צִיעֶן דַיין הוֹיזְן; דֶער יֵצֶר הָרָע הֵייבְּט זִיךְ שׁוֹין אָן אֲפִילוּ בַּיי קְלֵיינֶע קִינְדֶער.

אַז מֶען דֶערְוואוּסְט זִיךְ פוּן אַ אִינְגְל וָואס אִיז אוּנְטֶער גֶעקְרָאכְן אוּן אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין אַ צְוֵוייטְנְס בֵּית הַכִּסֵא, אִיז דֶער קִינְד נָאכְנִישְׁט קַיין שֵׁגֶץ, בַּיי קִינְדֶער קוּמְט עֶס נָאכְנִישְׁט פוּן קַיין שְׁלֶעכְטֶע כַּוָונָה, אַזוֹי אִיז עֶס, דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט פוּן גֶעבּוֹירְן אָן צוּ אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט. אַז מֶען שְׁטֶעלְט עֶס אָפּ יוּנְגֶערְהֵייט, אִין כִּתָּה ב', ג', ד', מֶען לֵייגְט גוּט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַז מֶען טָאר דָאס נִישְׁט טוּן, קֶען עֶר נָאךְ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן עֶר וֶועט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה רֵיין, וִוידֶער אוֹיבּ מֶען לָאזְט עֶס לוֹיפְן, מֶען זָאגְט: **"עֶר אִיז נָאר אַ קִינְד, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט"**, מֶען וָוארְנְט נִישְׁט אָן דִי קִינְדֶער גֶענוּג שְׁטַארְק, מֶען זָאגְט נָאר וֵוייךְ: **"עֶס אִיז נִישְׁט אֵיידְל"**, **"עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין"**, גֵייט עֶר עֶס וַוייטֶער טוּן, אוּן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

## דֶער טָעוּת פוּן דִי שׁוּלֶעס!

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז בַּיי דִי מֵיידְלֶעךְ, מְחַנְכוֹת דַארְפְן אוֹיסְלֶערְנֶען זֵייעֶרֶע תַּלְמִידוֹת אוּן זֵיי אָנְגְרֵייטְן אַז **"דוּ קֶענְסְט הָאבְּן חַבֶרְ'טֶעס אָבֶּער קֵיינֶער קֶען זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דַיין קֶערְפֶּער"**.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָעוּת פוּן גֶעוִויסֶע שׁוּלֶעס, וָואס רֶעדְן נִישְׁט פוּן קְדוּשָׁה. וֶוען אִינְגֶעלַייט וָואס שִׁיקְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער דָא אִין דִי מוֹסְדוֹת קוּמֶען מִיר פְרֶעגְן צִי זֵיי זָאלְן שִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין קֶעמְפּ אָדֶער הַאלְטְן אִינְדֶערְהֵיים, זָאג אִיךְ אַלְץ: "גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין טָאכְטֶער! דוּ זָאלְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט שִׁיקְן דַיין מֵיידְל אִין קֶעמְפּ, זָאל זִי וֵויינֶען, זָאל זִי שְׁרֵייעֶן, זָאל זִי בְּלָאזְן, הַאלְט אִיר אִינְדֶערְהֵיים; זִי קֶען הֶעלְפְן אַבִּיסְל קָאכְן, זִי קֶען פְּרוּבִּירְן אַבִּיסְל צוּזַאמְלֵייגְן וֶועשׁ אוּן אֲפִילוּ אַז זִי וֶועט בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן בִּיז צְוֶועלְף אַזֵייגֶער אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ, דֶער עִיקָר הַאלְט אִיר אִינְדֶערְהֵיים, וַוייל לֵיידֶער רֶעדְט מֶען נִישְׁט אִין אַנְדֶערֶע מוֹסְדוֹת פוּן זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע פְרַיינְדְשַׁאפְט, דִי קִינְדֶער זֶענֶען נָאר פַארְנוּמֶען וֶוער אִיז מֶער גֶעלוּנְגֶען, וִוי שֶׁענֶער מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן, וֶועלְכֶע קָאמְפֶּעִנִי קְלֵיידֶער מֶען גֵייט, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט טֵייעֶרֶער, דַיין טָאכְטֶער קֶען קַאלְיֶע וֶוערְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ".

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז בַּיי אוּנְז אִין בֵּית פֵּיגָא גְרֵייט מֶען יָא צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען גְרֵייט זֵיי אָן, אַז **"דוּ קֶענְסְט הָאבְּן חַבֶרְ'טֶעס אָבֶּער קֵיינֶער קֶען זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דַיין קֶערְפֶּער; מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן דֶערוֹיף"**. פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אָבֶּער וִויסְן אוֹיבּ אַ מֵיידְל קוּמְט דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע, וֶוערְט זִי נִישְׁט אַ שִׁיקְסֶע, עֶס אִיז דָאךְ אַ קִינְד, מֶען דַארְף עֶס נָאר נָאכְאַמָאל אִיבֶּער חַזֶרְ'ן, נָאכְאַמָאל רֶעדְן שֵׁיין דֶערְפוּן, אִיר שֵׁיין מְחַנֵךְ זַיין.

## אַלֶע מְחַנְכִים דַארְפְן אַרְבֶּעטְן צוּזַאמֶען !

קִינְדֶער דַארְף מֶען מְחַנֵךְ זַיין, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ זֵיי נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אוּן דִי מְלַמְדִים דַארְפְן הַאלְט אַן אוֹיג אוֹיף יֶעדְן קִינְד אִיבֶּעראַל, אִין כִּתָּה, אִין לָאנְטְשׁ רוּם, אִין בֵּית הַכִּסֵא. אוּן מֶען דַארְף רֶעדְן מִיטְ'ן דְרֵייוֶוער אוּן קֶעכֶער, הֶערְן צִי עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף גוּט, מֶען דַארְף אַרְבֶּעט צוּזַאמֶען, מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן: **"אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דֶעם קִינְד אוֹיפְ'ן בַּאס הָאט עֶס גָארְנִישְׁט מִיט מִיר, עֶס אִיז נִישְׁט מַיין אַחְרַיוּת"**.

וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער, הָאבְּן מִיר גֶעהַאט אַ גֶעהֶערִיגֶער מְלַמֵד, אוּן אַ טִיטְשֶׁער - אַ נִישְׁט חַסִיד'שֶׁער אִיד וָואס הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט עֶנְגְלִישׁ, אִיךְ גֶעדֶענְק נִישְׁט צוּ אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעטוּן בַּיי עֶנְגְלִישׁ, וַוייל אַזוֹי וִוי אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר לֶעבֶּעדִיג, הָאט מֶען יֶעדְן טָאג גֶערוּפְן מַיין טַאטֶע דֶערְצֵיילְן וָואס אִיךְ טוּ, מַיין טַאטֶע הָאט גֶעזֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק פַאר מִיר צוּ זַיין בַּיי עֶנְגְלִישׁ, הָאט עֶר אָנְגֶערוּפְן דֶעם מְנַהֵל אוּן גֶעזָאגְט אַז אִיךְ גֵיי נָאר זַיין בַּיי אִידִישׁ, בַּיי עֶנְגְלִישׁ וֶועל אִיךְ זַיין מִיט אִים אִין כּוֹלֵל, אָבֶּער אִיךְ גֶעדֶענְק אַבִּיסְל וָואס דָארְט הָאט זִיךְ אָפְּגֶעטוּן, וִוי צֶעפָּארְן עֶס אִיז גֶעוֶוען, וִוי מֶען פְלֶעגְט וַוארְפְן זַאכְן אוֹיף דִי טִיטְשֶׁער, עֶס אִיז גֶעוֶוען גֶעפֶערְלִיךְ.

גֶעדֶענְק אִיךְ אַז אִין כִּתָּה ח' אָדֶער ט', פְלֶעגְט דֶער גֶעהֶערִיגֶער מְלַמֵד פָארְהַאלְטְן דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גוּט אוֹיפְגֶעפִירְט בַּיי עֶנְגְלִישׁ, דֶער מְלַמֵד אוּן טִיטְשֶׁער הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט צוּזַאמֶען. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִוִיכְטִיגֶע זַאךְ פַארְ'ן חִינוּךְ פוּנֶעם קִינְד, מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן: **"אִיךְ טוֹיג, אִיךְ קֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דֶעם קִינְד, זָאלְן דִי אַנְדֶערֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע זִיךְ אַלֵיינְס אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט דֶעם קִינְד"**, נֵיין, מֶען אַרְבֶּעט צוּזַאמֶען.

**הֶמְשֵׁךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ**

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## אַלס מְלַמֵּד, מֶעג אִיךְ פָארְן אִינְמִיטְן זְמַן קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ כִּתָּה א' מְלַמֵּד, אִיךְ הָאבּ חֵשֶׁק צוּ פָארְן מִיט מַיין וַוייבּ צוּם הֵיילִיגְן רַבִּינְ'ס צִיּוּן, עֶרְגֶעץ וואו אִינְמִיטְן דִי יָאר. דִי שְׁאֵלָה אִיז אוֹיבּ אִיךְ מֶעג דָאס טוּן אִינְמִיטְן זְמַן.

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, חִיזּוּק אוּן עֵצוֹת, אוּן הַדְרָכָה פַאר מְלַמְּדִים, אִיךְ ווייס בֶּאֱמֶת נִישְׁט ווי אַזוֹי מְלַמְּדִים גֶעבְּן זִיךְ אַן עֵצָה אָן דֶעם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה; דוּ בְּרֶענְגְסְט צְווֵיי זַאכְן וָואס יֶעדֶע אֵיינֶע פוּן זֵיי אִיז דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ.

וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן רַבִּינְ'ס צִיּוּן, אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ פַאר'ן מֶענְטְשׁ; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מֶען דַארף עֶנְטְפֶערְן "אַוַדַאי פָארְן" - אָן קַיין שׁוּם שְׁאֵלָה נִישְׁט; ווִידֶער וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן מְלַמְּדוּת, וָואס אִיז דָא גְרֶעסֶערְס פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד פוּן קִינְדֶער? דָאס אִיז דָאךְ פוּן דִי גְרֶעסְטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט:): "אֵין הָעוֹלָם מִתְקַיֵּם אֶלָּא בְּהֶבֶל פִּיהֶם שֶׁל תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן", דִי וֶועלְט שְׁטֵייט דָאךְ נָאר אוֹיף דִי תּוֹרָה פוּן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן; נָאךְ מֶער, וֶוען מָשִׁיחַ קוּמְט יֶעצְט אוּן בֶּעט דִי מְלַמְּדִים זָאלְן אִים קוּמֶען הֶעלְפְן אוֹיפְבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס מִיר ווַארְטְן שׁוֹין דֶערוֹיף אִיבֶּער צְווֵיי טוֹיזְנְט יָאר - טָארְן מְלַמְּדִים נִישְׁט גֵיין הֶעלְפְן, דִי מְלַמְּדִים דַארְפְן בְּלַייבְּן אִין חֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער, לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה (שַׁבָּת, שָׁם); אִיז וֶוען מֶען לֵייגְט צַאם בֵּיידֶע, אִיז דָאס אַ שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלָה.

פְּרֶעג דֶעם מְנַהֵל בַּיי דִיר אִין מוֹסָד אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט שְׁטֶעלְן אַ בְּמָקוֹם; רֶעכְן אוֹיס אַ צַייט וָואס דִי קִינְדֶער וֶועלְן נִישְׁט פַארְלִירְן פוּן דִי לִימוּד וְכוּ', דֶער בְּמָקוֹם וֶועט דַאוֶוענֶען מִיט זֵיי, לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי פָּרָשָׁה אוּן חַזֶר'ן מִיט זֵיי אַבִּיסְל עִבְרִי, אַזוֹי וֶועסְטוּ זִיךְ קֶענֶען אַרִיבֶּערְכַאפְּן צוּם צִיּוּן הַמְּצֻיֶּנֶת, קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים - זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְרוֹיסֶע תִּיקּוּנִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת שמיני תשפ"א)

## ווי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן מֶער גֶעשְׁמַאק דָאס לֶערְנֶען אִין חֵדֶר?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וואוין אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי. וֶוען מַיין רֶבִּי דֶערְצֵיילְט פוּן דִי פָּרָשָׁה אִיז עֶס זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק, אוֹיךְ וֶוען עֶר דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת, אָבֶּער וֶוען מֶען לֶערְנְט אִיז עֶס שְׁוֶוער, אוּן אוֹיךְ צוּ לַאנְג פַאר מִיר אִין אֵיין צוּ.

אִיךְ הָאבּ גֶעווָאלְט ווִיסְן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה.

יְיִשַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס אוּן פַאר דִי שִׁיעוּרִים.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּשַׁלַּח, כ"ב שׁוֹבָבִי"ם, ח' שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ בִּיסְט נִישְׁט דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער אִינְגְל וֶועם עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִים אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ לֶערְנֶען, קוּק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, ווי אַזוֹי עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ יוּנְג קִינְד. "וְסִפֵּר שֶׁכָּל לִמּוּדוֹ בָּא לוֹ בִּיגִיעָה גְּדוֹלָה", דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, "כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנָיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ", עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו", וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסָאךְ גֶעווֵיינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת", אִיךְ הָאבּ אַזוֹי סַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - בִּיז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנָיוֹת. "וְכֵן אַחַר כָּךְ לָמַד שְׁאָר סְפָרִים וְלֹא הָיָה מֵבִין גַּם כֵּן", נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע סְפָרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה מְאֹד עַד שֶׁזָּכָה לַהֲבִינָם", הָאט עֶר ווַייטֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, אוֹת ח).

וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט גְלַייךְ בַּיים אָנְהוֹיבּ אַ זִיסְקַייט אוּן אַ טַעַם, אָבֶּער מִיט דִי צַייט הוֹיבְּט מֶען אָן שְׁפִּירְן אַ זִיסְקַייט אוּן אַ טַעַם. אַנְדֶערְשׁ אִיז מִיט עוֹלָם הַזֶּה, גְלַייךְ בַּיים אָנְהוֹיבּ שְׁפִּירְט מֶען אַ טַעַם אוּן שְׁפֶּעטֶער פַארְלִירְט מֶען דִי טַעַם.

אַז דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער - וֶועט דִיר מִיט דִי צַייט וֶוערְן גְרִינְגֶער אוּן בֶּעסֶער; מִיט דִי צַייט וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַזַא זִיסְקַייט אִין לֶערְנֶען - אַז דוּ וֶועסְט מֶער גָארְנִישְׁט וֶועלְן, נָאר לֶערְנֶען אוּן לֶערְנֶען דַיין גַאנְץ לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַאר אֵיינֶעם (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יז): "כְּשֶׁהַתּוֹרָה מַרְאָה אַהֲבָה לְאֶחָד", וֶוען דִי תּוֹרָה וֶועט דִיר ווַייזְן אִיר פָּנִים, "אָז אֵין רוֹצֶה כְּלָל עוֹלָם הַבָּא", וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט וֶועלְן קַיין עוֹלָם הַבָּא, "רַק שֶׁרוֹצֶה אֶת הַתּוֹרָה בְּעַצְמָהּ", דֶעמָאלְט וֶועסְטוּ נָאר וֶועלְן לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ תּוֹרָה; אַזוֹי גוּט אִיז דִי תּוֹרָה, נָאר אִין אָנְהוֹיבּ שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט קַיין טַעַם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, פִּיר זִיךְ אוֹיף מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, פָּאלְג דַיינֶע מְלַמְּדִים אוּן לֶערְן מִיט גֶעדוּלְד בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת משפטים - שקלים תשפ"ג)

## אַז דוּ וֶועסט מאכן די מִצְוֹת פְרֵיילִיךְ, וֶועלן דַיינֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט די מִצְוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת מִקֵּץ, כ״ה כִּסְלֵיו, א׳ דַחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף די חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר. גֶעבּ זִיךְ אַ בַּאַרֶערְכְן וָואס גֵייט פָּאר מִיט דִיר, וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער איז צוּ דִיר, מַאךְ זִיךְ אַ שְׁנֶעלֶע חֶשְׁבּוֹן, וִויפִיל בִּיסְטוּ שׁוּלְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיינֶע חֲסָדִים... וִויפִיל מִיר וֶועלְן דַאנְקֶען - וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען גֶענוּג דַאנְקֶען פַאר זַיינֶע חֲסָדִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): ״יְמֵי חֲנֻכָּה הֵם יְמֵי הוֹדָאָה״, דִי חֲנוּכָּה טֶעג איז אַ צַייט פוּן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֶסֶד וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז, אוּן וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט אִים, וִוי מֶער מֶען לוֹיבְּט אִים - וֶוערְט מֶען מֶער נֶענְטֶער צוּ אִים.

וֶוען דוּ צִינְדֶסְט די מְנוֹרָה - צִינְד מִיט שִׂמְחָה; מַאךְ נִישְׁט קֵיין נֶערְוְוען מִיט קֵיין לַחַץ, אוֹיף דֶעם זָאלְסְטוּ זִיךְ דָאס מֶערְסְטֶע פַארְלֵייגְן. גֶעדֶענְק, גַארְנִישְׁט מוּז זַיין, גַארְנִישְׁט דַארְף זַיין, נָאר אוֹיף אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְלֵייגְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת - אוֹיף שִׂמְחָה; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט די תּוֹרָה.

אַוַודַאי דַארְף מֶען מַקְפִּיד זַיין אוֹיף הֲלָכָה, צוּ צִינְדְן אִין צַייט בַּיים זְמַן, אָבֶער אַז מֶען קוּמְט אַהֵיים אוּן זַאכְן זֶענֶען נִישְׁט גְרֵייט - טָאר מֶען נִישְׁט וֶוערְן בְּכַּעַס, שְׁלָאגְן אוּן שְׁרַייעֶן. אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן די מִצְוֹת פְרֵיילִיךְ - וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער לִיבּ הָאבְּן די מִצְוֹת, זֵיי וֶועלְן בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט די מִצְוֹת.

אַזוֹי אוֹיךְ די זְמִירוֹת איז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, אָבֶער נָאר אַז דָאס איז אָן נֶערְוְוען, מֶען טָאר נִישְׁט צִיפְּן די קִינְדֶער וֶוען זֵיי זִינְגֶען נִישְׁט מִיט, מֶען קֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט מַאכְן פוּן די מִצְוֹת אַ צַייט פוּן שְׁלָאגְן אוּן טֶערָארֶעזִירְן, עֶס דַארְף זַיין מִיט אַ שִׂמְחָה וְדַ״ל.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן חֲנוּכָּה.

...

(עצתו אמונה פרשת מקץ תשפ״ג)

## עֶס לוֹינְט זִיךְ אַוֶועקְצוּגֶעבְּן די מָאדְעס, כְּדֵי צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פָּרָשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ח מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

די פְּרַאגֶעס מַאכְן מִיךְ שְׁוַואךְ; וָואס זָאל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן? נִישְׁטָא קֵיין הֲלָכוֹת אוֹיף צְנִיעוּת, גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל איז אַ גֶעפִיל זַאךְ, אוּן אַז דַיין וַוייבּ וִויל נָאכְמַאכְן די גוֹיִם, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין אִיר אַ רוּחַ טָהֳרָה; נָאר תְּפִלָּה וֶועט דִיר הֶעלְפְן.

דַיין וַוייבּ איז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר אַ וואוילֶע טֵייעֶרֶע פְרוֹי; די פָּאר מָאל וָואס דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ מִיר מִיט אִיר הָאבּ אִיךְ אַנֶערְקֶענְט אַז זִי איז זֵייעֶר וואוִיל. מֶעגְסְט אִיר זָאגְן אַז דוּ וִוילְסְט נִישְׁט, אוּן זַיי אִיר מְחַזֵּק, אַז מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן אֵיידְל - הָאט מֶען עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן וִוי אַ אִידִישֶׁע טָאכְטֶער גֵייט - וֶועלְן די קִינְדֶער בְּלַייבְּן אִידְן; עֶס לוֹינְט זִיךְ אַוֶועק צוּ גֶעבְּן די זַאכְן - צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

זַיי אִיר מְחַזֵּק, וַוייז אִיר וִוי שְׁרֶעקֶעדִיג די וֶועלְט איז. קִינְדֶער לוֹיפְן אַוֶועק, קִינְדֶער מִישְׁן זִיךְ אוֹיס מִיט אוּמוֹת הָעוֹלָם רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַז מֶען פִירְט זִיךְ אֵיידְל - זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ט): ״צְנִיעוּת שֶׁבָּאִשָּׁה מְזַכָּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים״.

קֶענְסְט אִיר זָאגְן וָואס דַיין רָצוֹן איז, אוּן זָאלְסְט אִיר מְחַזֵּק זַיין. אוּן אַז זִי וֶועט דָאס סֵיי ווי מַאכְן - זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, נָאר בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ, דַיין וַוייבּ אוּן די קִינְדֶער - זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּ צְנִיעוּת, אוּן מִיט סַבְלָנוּת אוּן תְּפִלָּה וֶועט די זִיךְ צִיעֶן צוּ רֶעכְטְס אוּן וֶועט וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אַזוֹי וִוי אַ בַּת יִשְׂרָאֵל.

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעזֶען אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֵיי הָאבְּן מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת גֶע׳פּוֹעֶל׳ט נִיסִים וְנִפְלָאוֹת. דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אוּן מַיין וַוייבּ מִיר זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן חֻקּוֹת הָעַכּוּ״ם, מִיר זָאלְן לִיבּ הָאבְּן די אִידִישֶׁע וֶועג, מִיר זָאלְן לִיבּ הָאבְּן צְנִיעוּת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר מַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דוּ טוּסְט מִיט מִיר אַזוֹיפִיל נִיסִים בִּיז אַהֶער, הֶעלְף מִיר אַז מַיין וַוייבּ זָאל וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל, זִי זָאל נִישְׁט וֶועלְן נָאכְמַאכְן די נַייעֶ מָאדְעס, אִיךְ בֶּעט דִיר, אָנָּא ה׳ הוֹשִׁיעָה נָּא, הֶעלְף מִיר אוּן מַיין וַוייבּ מִיר זָאלְן וֶועלְן טוּן נָאר דַיין וִוילְן אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ״.

אַז זִי פְרֶעגְט דִיר וָואס אִיךְ זָאג - קֶענְסְטוּ אִיר וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עצתו אמונה פרשת מקץ תשפ״ג)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידושינג 347-630-2876